אני הצלחתי על ידי כל מיני תחבולות להגיע לכביש המוביל לסמבור ומשם ליער קוניושקי ולאחר מנוחה קצרה הגעתי לסמבור. נכנסתי לחנות ולמזלי הסכימו למכור לי כיכר לחם ועוד הזהירוני שבאותו יום מתבצעת בעיר פעולת חיסול של יהודים. הסתתרתי ולמחרת חזרתי לרודקי. כאן החלטתי להגיע למחנה עבודה שהוקם בתוך היער של הכפר כלופצ׳יצה ושבו עבדו 49 יהודים תחת השגחת שומר היער המקומי. אולם כעבור ימים ספורים הגיעו שמועות שבעיר גרודק שרפו חיים את כל היהודים ושבוורשה פרץ מרד יהודים. החלטנו באותו ערב לא לחזור לצריף שבו ישננו ונשארנו ללון בתוך היער. בלילה הגיעו לצריף אנשי הגסטאפו וירו בכל הנשים שבאו ללינת לילה לבעליהן. בין הישנים בצריף היה הירש פט מרודקי שגם הוא נרצח באותו לילה.

גם ביער החלו הגרמנים לערוך מבצעי חיסול. מתוך ה-49 שנשארו ביער, מרביתם מתו. נשארנו כ-19 כשהרוסים שחררונו. לאחר השחרור הגעתי לרודקי, אך נאלצתי לברוח משם במהירות האפשרית, מכיוון שהאוקראינים המקומיים ירו בכל יהודי שנשאר בחיים. עזבתי את רודקי בדרך לפולין.

(תרגם ועיבד מ.מ.)

משה טעל

דער אונטערגאנג פון אונדזער קהילה

דאס איז געווען דינסטיק דעם 12-טן סעפטעמבער 1939, אין א שיינעם ווארעמען זומער-טאג, מיטאג-צייט, 12 טעג נאכדעם ווי היטלער איז באפאלן פוילן. נעכטן, מאנטיק איז די גאנצע נאכט געפארן מיליטער אין דער ריכטונג פון סאמבאר. דאס איז געווען דער גענעראל שטאב מיט דעם פוילישן מארשאל רידז-שמיגלי, וועלכע זענען אנטלאפן אין דער ריכטונג פון זאלעשטשיקי. די יידישע באפעלקערונג האט שון געלעבט אין שרעק מחמת די פארשידענע קלאנגען וואס זענען ארומגעגאנגען, ווי צ.ב. אז מען גייט אונטערנעמען אן אפענסיווע און אז ענגליש-פראנצויזישע באוואפנטע כוחות קומען צוהילף.

אבער ליידער האט זיך ארויסגעוויזן אז די ווירקלעכע לאגע איז געווען גאנץ אנדערש: די ארמיי פון די מיליטערישע באצירקן אין קראקע און פשעמישל, ווי אויך די גרענעץ-וואך, דער אזוי-גערופענער .K.O.P האבן זיך גרופירט אין דער געגנט פון לעמבערג, אין א גאנץ פארקערטער ריכטונג. עס האט זיך אנגעהויבן א געלויף פון זעלנער מיט אונטעראפיצירן, אבער קיין איין שטאבס-אפיציר האט מען נישט געזען געשלעפט האבן זיך דאס ביסל אלטע קאנאנען מיט אויסגעמאטערטע סאלדאטן און פערד, וואס האבן שוין אייניקע טעג ניט גערוט און ניט געגעסן.

עס איז געווען גענוי 12 אזייגער מיטאג, ווי שטייענדיק אין גאס מיט דעם באקאנטן געוועזענעם בירגערמייסטער זבראזשעק, נעבן דעם הויז פון צירל גלאנצבערג, אויף דעם ארט וווּ עס איז געווען דער קאלך-פלאץ, ביים ארייגאנג אין דער שול-גאס, האבן מיר געפירט א געשפרעך איבער דעם געשאפענעם מצב. אזוי ווי מיין געשפרעך-פארטנער איז געווען א רעזערוו-קאפיטאן פון דער פוילישער ארמיי, מיטגעמאכט דעם פויליש-באלשעוויקישן קריג אין יאר 1920, בין איך געווען נייגעריק צו וויסן זיין מיינונג וועגן די געשעענישן. אבער אין דעם זעלבן מאמענט לויפט אן א פוילישער זעלנער מיט די שיך אין די הענט, מחמת די אפגעריבענע פיס און שרייט צו לאזער גלאנצבערג מיט א יאמערליכן קול: "בירגער! אונדזער פאטערלאנד איז אין פלאמען און גיב מיר א ראווער!" און ווי נאר דער זעלנער איז אפגעפארן א פאר צענדליק מעטער ביז צום געשעפט פון טורסע, האבן זיך פלוצלינג אין ריַנעק באוויזן דייטשע פאטראלן אויף מאטאציקלען און האבן אנגעהויבן שיסן אויף לינקס און רעכטס. מיר זענען אריין אין דעם הויז פון די גלאנצבערגס און נאך 10 מינוטן האט זיך די שיסעריי אפגעשטעלט.

ארויסקומענדיק אין גאס האבן מיר געזען דייטשע מיליטער-לייט לויפן פון שטוב צו שטוב שרייענדיק: "מענער הערויס!" פון דער ריכטונג פון דעם לעמבערגער וועג, ביי דעם הויז פון דער סקלאדניצע, ארגאניזירט דער בירגערמייסטער א דעלעגאציע מיט ברויט און זאלץ און בוראטשינסקי, דער שליח פון מאגיסטראט, רופט אונדזביידע זיך אנשליסן אין דער דעלעגאציע. עס באווייזט זיך אויך יוסף אהרון, דער ראש הקהל. אבער אין דעם מאמענט פירן שוין די דייטשן ר' שיעלע שוחט און זיין טלית קטן און יארמולקע, שלאגענדיק אים אויף אן אכזריותדיקן אופן. אונדזער דעלעגאציע ווערט

אויפגענומען דורך א וואכמייסטער (רס"ר) פון דער דייטשער ארמיי מיט א באלגענדיקער דערקלערונג: "דער שטאט קאמענדאנט איסט נאך ניכט היר, אלע מענער הענדע האך!" מען שטעלט אונדז אויס אין רינעק אנטקעגן גורסקיס דעליקאטעסן-געשעפט, לענג-אויס דעם קאנאל בכדי אונדז צו שיסן. אין משך פון 10 ביז 20 מינוטן האט זיך געהערט א געדיכטע שיסעריי און נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן סארטירן די מענער: איין טייל אויף דעם שטראז און דער צווייטער טייל צו שיקן א היים.

און דעם מאמענט האט זיך באוויזן די גאנצע אוקראינישע שטאטישע אינטעליגענץ מיט דעם דירעקטאר איוואנאוו בראש. מיך האט ער ארויסגענומען פון דער גרופע און אהיים געשיקט. אלע איבריקע מענער, יידן און פאליאקן ווי זבראזשעק, דיר. פיאנטקאווסקי און אנדערע זענען געטריבן געווארן צום וואלד. און דא איז געקומען די אינטערווענץ פון ד"ר עדמונד (מוני) טייכער און דער שטאט-קאמענדאנט האט אין לעצטן מאמענט באפוילן צו באפרייען די מענער אבער זאפארט אונטערצוזנדן די שטאט. מען האט אנגעהויבן פון דעם באן-וועג, פון מיין הויז און שרייבערס הויז, ד.ה. דאס גאנצע געסל, "די כימיאקיס", די אזוי-גערופענע "וואניס", ביז צום יידישן בית-עולם. עס האבן געברענט יידישע און אויך נישט-יידישע הייזער. א גרויסער טייל יידן זענען דאן געבליבן אן א דאך איבערן קאפ.

צומארגנס האט מען געקלעפט פלאקאטן: "ארויסגיין איז דערלויבט נאר ביז 6 אין אוונט. ווער עס וועט זיך געפונען אין גאס נאך 6 וועט ווערן דערשאסן". עס הויבן זיך אן טעג פון רדיפות, כאפערייען צו ארבעט און שלאגן יידן אין גאס. עס זענען שוין דא אייניקע קרבנות. ביי שולם און ביי לאזער ליטמאן האט מען געשאסן א מיידל.

עס גייען פארביי א פאר טעג און אין שטאט באוויזן זיך די געסטאפא-ארגאנען. זייער ערשטער אויפטריט איז אין ראש השנה: זיי האבן ארויסגענומען פון בית-המדרש דעם רב ר' איטשעלי אייכענשטיין מיט בערך אנדערע 20 מתפללים, צעריסן זייערע טליתים, אויסגעשמירט מיט וואגנשמיר זייערע פנימער און זיי מערדערליך צעשלאגן.

די דאזיקע גרויזאמע סצענע האב איך אליין בייגעווױנט, שטייענדיק אין רינעק מיט ד"ר טייכער. מיר זענען באלד געלאפן רופן דעם אוקראינישן גלח, וואס איז געווען באקאנט אלס ליבעראלער גייסטליכער און א דאנק זיין אינטערווענץ האבן מיר אפגעראטעוועט דעם רב. די בארבארן האבן דעם רב אפגעשוירן זיין בארד צוזאמען מיט א טייל פון דער הויט און דאס זעלבע געטון מיט ר' מרדכי שליסלפעלד. און אזוי ארום איז מען אפגעקומען אן מענטשן קרבנות. אין א צוויי שעה שפעטער האבן זיי צוגעפירט אן ארמאט כדי צו צעשטערן די שול, דעם בית-המדרש און דעם גאנץ יידישן שול-קווארטאל. מען איז געלאפן אינטערווענירן ביי דער אוקראינישער אינטעליגענץ, ווי ד"ר איוואנאוו, ד"ר קערניטשני און זייער ענטפער איז געווען, אז אין קורצן וועלן יידן גארנישט באדארפן. שפעטער האט מען צוגענומען די פערד ביי סענדער זיס און אן אוקראינקע האט געמסרט יושי פעלדבאו אז ער האט ביי איר גענומען געלט פאר א פאר זוילן און איר נישט געגעבן קיין ריכטיקע לעדער. מען האט יושי אזוי געשלאגן, אז נאך א פאר וואכן איז ער פון די קלעפ געשטארבן.

יום כיפור האט מען געכאפט יידן צו קערן דעם מארק (רינעק), צווישן אנדערע אויך דעם "פוץ-וועשער" בערל ראב. יידן לעבן אין שרעק און אונזיכערקייט, עס טראגן

זיך ארום קלאנגען וועגן א בעפארשטייענדיקן פאגראם אויף יידן, ארגאניזירט דורך די געסטאפא מיט דער הילף פון דער ארטיקער אוקראינישער באפעלקערונג, לויטן מוסטער פון פשעמישל. עס קומען אן קיין רידיק יידן פון פשעמישל און איינער פון דינאוו און זיי גיבן איבער וועגן די גרויזאמקייטן וואס די דייטשן האבן אפגעטון אין זייערע שטעט. איך האב זיך פארשטענדיקט מיט דעם אפטייקער גראסמאן, ד"ר טייכער און איטשי פעט כדי זיך מיט זיי צו בעראטן. דעם זעלבן טאג האב איך זיך געטראפן מיט דעם דירעקטאר פון "נאראדני סאיוז". ער האט מיר איבערגעגעבן אז ביי די דייטשן איז דא א געהיימע ידיעה, אז יידן און פאליאקן גרייטן צו אן אויפשטאנד קעגן זיי און זיי מוזן רעאגירן ווי אין א מלחמה.


עס איז נישט שווער זיך פארצושטעלן ווי די לאגע וואלט אויסגעזען ווען נישט דאס שנעלע איבערנעמען פון דער שטאט דורך רוסישע אפיצירן וועלכע האבן צונישט געמאכט דאס דורכפירן פון דעם טייוולאנישן פלאן צו פארשפארן יידן אין שול און זיי פארברענען לעבעדיקערהייט, אזוי ווי זיי האבן עס געטון אין א טייל אנדערע שטעט. און אזוי פארענדיקט זיך די ערשטע דייטשע אקופאציע פון יאר 1939 און עס פאנגט זיך אן א נייער קאפיטל פון דעם גייסטיקן און מאטעריעלן חורבן פון דער יידישער קהילה אין רידיק, נאך אן עקזיסטענץ פון בערך 200 יאר.



מרדכי אנזלהיים

הייתי במחנה יאנובסקה

הייתי מן האסירים הראשונים שעבדו בהקמת המחנה. תחילתו היתה בשני הבתים מס' 134—132 של רח' יאנובסקה ששימשו מקודם ביח"ר למכונות טחינה ובתקופת הנאצים הפכום לביח"ר שסיפק את הצרכים של יחידות הצבא הגרמני וה-ס.ס. בהתחלה עבדו כאן פולנים ויהודים, אולם באוקטובר 1941 הוגדל השטח וגודר בגדר



מוטיו אנזלהיים ז"ל במדי הצטניק בשנ 1942

ראה מפה בעמוד 342 !

תיל, הוקמו מספר צריפים והשטח הוכרז כמחנה לעבודת כפייה ליהודים בלבד. מעתה נאלצו עובדי המחנה להישאר בתחומו ושוכנו בצריפים. כל צריף הכיל כ-300 אסירים והדוחק בו היה קשה מנשוא. האסירים במחנה היו מתחלפים באופן שיטתי. יום-יום קרו בו מקרי-מוות כתוצאה ממחלות, מהתשה, מחוסר תזונה מינימאלית ובגדים להגנה בפני הקור בחודשי החורף ועל כולם ממעשי הרצח שבוצעו יום-יום, שעה-שעה ע״י אנשי ה-ס.ס. ושומרי המחנה שהיו חיות-פרא בדמות בני-אדם. המפורסם באכזריותו היה אחד בשם ״רוקיטא״ שעל מצפונו עשרות קרבנות שאותם היה רוצח במו ידיו בדם קר עם חיוך שטני על שפתיו.

מלבד זה שימש המחנה כמחנה מיון, שבו בוצעו הסלקציות, מי לחיים ומי למוות לא הרחק מהמחנה או למשלוח לתאי הגזים בבלז׳ץ. עם חיסול גיטו רודקי באפריל 1943 הגיעו לכאן כ-300 יהודי רודקי וקומרנו שנשלחו הנה לביצוע עבודה מפרכת עד להתשת כוחם ועד שהפכו לשלדים ושולחו להשמדה. ואכן מחנה זה התפרסם כאחד ממחנות ההשמדה הידועים לשימצה. במחנה זה היו מבוצעות עבודות שחורות וכן עבודות מקצועיות ע״י בעלי מקצוע כגון, נגרים, בנאים, מסגרים וכו׳, שהיו עושים את מלאכתם בתנאי רעב וקור 10 שעות ביממה, כשמנת המזון שלהם מורכבת מכף קפה מימי, ללא לחם בבוקר וממרק דליל מקליפות תפוחי-אדמה עם מנת לחם קלוקל של 150 גרם בצהריים.

המצב הסניטרי היה ללא נשוא וכן גם מצב הדיור והביגוד, בפרט בחודשי החורף כשנאלצנו לעבוד בקור של 20 מעלות מתחת לאפס. יום-יום בשעה 5 בבוקר היינו קמים לעבודה והמסדרים היו מתמשכים שעות, תוך מכות ומעשי רצח מלווים עינויים סדיסטיים על עמוד התלייה או בחביות ממולאות מים שאליהן דחפו את הנענשים עד שקפאו מקור וזאת לעיני כל העומדים במסדר.

באחד הימים הצלחתי להימלט מהמחנה, אולם לאחר גילגולים בגיטאות ובמחנות אחרים הוחזרתי למחנה יאנובסקה ביחד עם יהודים אחרים שהסתתרו בלבוב. לפני עזיבת לבוב ע״י הגרמנים, בשנת 1944 הועברנו לסביבות נובי-סונץ׳ ושם עבדנו כחודשיים ולאחר מכן הועברנו למחנה פלשוב בקרקוב, מקום שעבדתי כ-3 חודשים עד העברתנו לגרמניה, למחנה הריכוז ״גרוס-רוזן״ ומשם למחנה וולנדברג, למכרות הפחם ובו גם שוחררתי עם כניסת הצבא האדום.

מ. הוך

מסיפורי הגיטו

עם חיסול הגיטו לא היה עוד רשאי להימצא אף יהודי אחד ברודקי. בנס ניצלו מהחיסול משה פרוסט, אשר היה בעת החיסול בעבודה באחד הכפרים. בחזרו העירה נכלא ע״י הגסטאפו. באחד הימים כשהשוער טרנאבסקי הביא לתאו אוכל, הוציא ממנו משה בזריזות את המפתחות וכלא את השוער בתוך התא. משה הצליח לעזוב את בניין הכלא, אבל ביוצאו דרך השער נתקל באחד מאנשי הגסטאפו אשר לא הכירו. משום־מה נבהל משה והתחיל לברוח. איש הגסטאפו אשר הבחין באיש הבורח מפניו, רדף אחריו והדביקו ליד הטרגוביצה והרגו ביריית אקדח. ניצול אחר מהגיטו, לייב טל, המתגורר עתה בישראל, הסתתר בעליית גג בשעת חיסול הגיטו והצליח לברוח לאחד היערות, שם פגש ביוסף זיגל, המתגורר עתה בארצות־הברית.

שמילצ׳ה ראב עם משפחתו הצליח לחפור בונקר מיוחד, מאחורי הבית של אביו יעקב ראב. בדרך מקרה נתגלו והובאו **לבית-הקברות**, שם נצטוו לחפור לעצמם קברים שבתוכם נורו.

הגרמנים האכזריים לא הסתפקו בפגיעה בחיים, והם פגעו גם בבית־הקברות העירוני, כשהם מוציאים מצבות ומשתמשים בהן לצרכיהם הפרטיים. יהודים נצטוו לפרק את המצבות מבית־הקברות הרודקאי, ונוסף לכך פורקו שלושה אוהלים של הרב שלוימלה, הרב משה והרבי פנחס נתן.

עם התקדמות הצבא האדום, נסוגו הגרמנים מרודקי ולמחרת היום חזרו העירה לייב טל ויוסף זיגל. כעבור יומיים חזר מנדל שפיגלר, וכעבור 4 ימים - משה וחנה הוך. הניצולים נפגשו בלילה, וסיפרו תוך דמעות על הגילגולים והסבל שעברו עליהם תוך הזמן שנעדרו מהעיר.

אט אט החלו להגיע העירה הניצולים האחרים, שיינדל פוסטר, לייב פוסטר, לואה פילרסדורף, יוסף שפיגל, יחזקאל קארפ ושולים קלייסט. לניצולים ציפתה אכזבה מרה, מאחר שלא מצאו את יקיריהם ונוסף לכך נשארה האוכלוסיה המקומית עוינת והאנטישמיות אף הרימה ראש.

הוקמה מחתרת פולנית נ.ס.ז. שעסקה בחיסול קומוניסטים ויהודים. בשל כך החליטו השרידים לעזוב את העיר בה נולדו וכה הרבה עבר עליהם בה, כדי לשכוח את כאבם הרחק מן המקום בו הושמדו קרוביהם ויקיריהם. בשנת 1945 החלה הגירה כללית לפולין באישור השלטונות הסובייטיים והעיר החלה להתרוקן מתושבים פולניים ויהודיים. היהודים יצאו לפולין בדרך ארצה כדי לבנות חיים חדשים.

כולם עברו בשלום, מלבד אלה שנסעו באחד הטרנספורטים האחרונים שהכיל כ־1,000 פולנים אשר נסעו לשלזיה. בתוך הטרנספורט האומלל נמצאו ניצולי רודקי רחל פוסטר, שיינדל פוסטר, לואה פילרסדורף (השען) ויחזקאל קארפ. שיינדל פוסטר, לואה פילרסדורף ושולים קלייסט הוצאו מתוך הרכבת ונורו בחורשה הסמוכה. **רחל פוסטר ניצלה ויחזקאל קארפ נפצע.**

(מפי יחזקאל קארפ)

מ. הוך

נפתלי שור הי״ד — מפקד קן בית״ר ברודקי

את נפתלי הכרתי מתקופת הילדות, כי אז היינו גרים דלת על יד דלת. בהיותי נער נמניתי עם חניכיו של נפתלי (טולו) בקן בית״ר בין השנים 1933—1937. הוא היה אהוב ונערץ ע״י כולנו. היתה בו מזיגה נפלאה של ישן וחדש: תורה ודרך ארץ, שכן הוא ינק תורה מפי טובי מלמדי העיר ובמרוצת השנים מפי טובי המורים בבית-המדרש למורים בוורשה. ואשר לדרך ארץ ונימוסין, אותם הוא ספג מתורתו של ראש בית״ר, תורת ההדר הבית״רי.

הוא היה איש המשמעת והדייקנות ותכונות אלו הנחיל לנו תוך גישה של פשטות והבנה הדדית, מהולות באהבה לזולת ומסירות אין-קץ לרעיון הבית״רי. מעולם לא נהג לתרץ את עצמו, שכן טבעי ומובן מאליו היה ביחסו אל חניכיו. בהיותו בוגר הסמינריון הממשלתי למורים בוורשה, עסק בהוראה ורכש לעצמו הערכה רבה אצל תלמידיו.

בחיסול הגיטו מצא טולו את מותו ביחד עם אשתו ובנו. כשנתיים לאחר מכן ביקרנו בחורשת בז׳ז׳ינה, שם העמדנו מצבה ואז נזכרתי שוב בטולו ובפעם האחרונה הרגשתי את קירבתי אליו.

קבוצת בית״רים ברודקי בשנת 1935. יושבים: נפתלי שור. עומדים מימין: חיים מוסינגר, משה הוך, אלטר ברגר.



ישראל גפני

מיין פריינט דוניע

דויד ווערנער, אדער ווי מ'האט אים אין רידיק געקענט אלס דוניע, האט געשטאמט פון די שפיגלערס — א באוווסטע און פיל פארצווייגטע חסידישע פאמיליע אין שטאדט. זייענדיק א סאלדאט אין דער רויטער ארמיי בעת דער צווייטער וועלט מלחמה, איז ער נישט געפאלן אויפן שלאכט-פעלד אין קאמף קעגן דער היטלעריסטישער אינוואזיע אויף פוילן אין רוסלאנד, ער איז אומגעקומען אויף א טראגישן אופן פון א פארברעכערישער האנט — א מיטקעמפער אויפן פראנט — א אוקראינישער גוי וועלכער האט אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט צו מאכן זיין פריוואטן חשבון מיט די אידן . . .

אונדזערע עלטערן האבן געהערט צו צוויי פארשידענע וועלטן; הן אין רעליגיעזן און הן אין סאציאלן זין. דאס אבער האט נישט געשטערט אונדז קינדער צו פארברענגען די פרייע צייט פון חדר אדער פון שולע, צוזאמען אין פארשידענע שפילערייען אויף דעם בשותפותדיקן פרייען פלאץ. אים האט גארנישט געארט מיין הוילער קאפ מיט די קורצע הייזעלעך, און מיר האט איבערהויפט נישט געשטערט צום שפיל זיין יארמולקע און דער טלית קטן מיט די ציצית אין דרויסן.

די קינדער יארן זענען שנעל געלאפן און טראץ דעם וואס זיינע לימודי קודש האבן אים אלץ מער און מער דערווייטערט פון מיר, אבער אין איין געביט האבן מיר זיך געהאלטן טאקע גאנץ נאענט: דאס איז געווען דער "גוישער" געביט. אזוי ווי מיר האבן אלע יארן אין שולע געלערנט אין איין קלאס, פלעגט ער גאנץ אפט זיך נויטיקן אין מיין הילף, ווייל דאס פוילישע לשון איז אים נישט אזוי לייכט אנגעקומען.

נאכן ענדיקן די פאלקס-שולע האבן זיך אונדזערע וועגן אינגאנצן צעשיידט. יעדער פון אונדז איז זיך געגאנגען אין זיין באזונדערן וועג — ביז עס האט אויסגעבראכן די צווייטע וועלט-מלחמה.

דעם 1 סעפטעמבער 1939 זענען די דייטשע כוחות ארייננעדרינגען קיין פוילן און דעם 12 סעפטעמבער זענען זיי שוין געווען אין אונדזער שטעטל רידיק, און צו דער ענדע פון דעם זעלבן חודש האט דאס דייטשע מיליטער פארלאזט די שטאט און אויף זייער ארט זענען געקומען די רוסן.

מיט דער זעלבער שנעלקייט ווי די אלע געשעענישן האבן פאסירט, אזוי שנעל זענען מיר איינוווינער פון דער געגנט וועלכע איז אקופירט געווארן דורך די רוסן, פארוואנדלט געווארן אין סאוויעטישע בירגער.

* * *

דאס צווייטע מאל אין אונדזער לעבען האבן מיר זיך געטראפן מיט דוניען אויפן מאביליזאציע פונקט אין רידיק, וועלכן די רוסן האבן ארגאניזירט אויף שנעל כדי צו מוסטערן די יוגנטלעכע פון דער שטאט פארן דינסט אין דעם סאוויעטישן מיליטער.

עס איז געווען א שיינער ווארעמער פרימארגן, פרילינגסצייט 1940. דער בית-העם פון דעם רידיקער ציוניסטישן פאריין (ער איז פארוואנדלט געווארן דורך די סאוויעטן אין א קלוב און צו יענער צייט אלס מאביליזאציע פונקט) איז געווען פול געפאקט מיט יונגעלייט — די מערהייט אידן און א גאנץ קליינע צאל אוקראינער — קיין פאליאקן האבן די רוסן נישט גערופן אין מיליטער צוליב זיכערהייטס טעמים. ארום און ארום דעם בניין זענען גרופנווייז געשטאנען די עלטערן און באקאנטע פון די יידישע בחורים און מיט גרויס אונגעדולד געווארט אויף די רעזולטאטן פון דער מעדיצינישער קאמיסיע.

אין פאדערצימער, פארן ארייננאנג צו דער קאמיסיע, זענען מיר אלע געשטאנען אינגאנצן נאקעטע און געווארט מיט שפאנונג אויפן רוף פון א נאמען. איך האב דוניען כמעט נישט דערקענט. אפגעגאלטע פון קאפ ביז די פיס, נישט קיין סימן פון דער בארד אדער פון די פיאות, — האט ער זיך אנגערופן ווי רעדנדיק צו זיך אליין: "נו... וואס קלערסטו, די וועלן מיך נעמען אין מיליטער? ... ווייל איך וואלט זייער נישט געוואלט בלייבן אין רידיק אין די דאזיקע טעג!" מיין אייגענע צומישונג איז צו יענער צייט געווען געגוג גרויס, און נאך גרעסער דאס אונבאוווסטזיין פון מיין אייגענער צוקונפט... עס איז מיר נאר געלונגען ארויסצוברומען איין-און-איינציק ווארט: הלוואי...

און אט שטייען מיר שוין פארזאמלט אין דער מיליטערישער קאמענדאנטור וועלכע האט סטאציאנירט אויפן סאמבארער וועג אינם הויז, וווּ עס האט אמאל געוווינט דער יידישער דענטיסט ביסטריצקי. 8 יידישע בחורים זענען מיר דאן גערופן געווארן צום דינסט אין דער רויטער ארמיי. דאס גאנצע שטעטל יידן איז געקומען אונדז באגלייטן, און אזוי ווי עס זענען אין יענעם טאג גערופן געווארן אויך א פאר צענדליק אוקראינער פון די ארומיקע דערפער, זענען אויך זייערע עלטערן געקומען צו דער געזעגעניש.

דער וועג פונם קאמיסאריאט צו דער באן-סטאציע, וועלכן מיר האבן געמאכט צו פוס, האט אויסגעזען ווי א לוויה אדער ווי א געזעגענונגס מארש פון פארמשפטע אויף לעבענסלענגלעכע קאטארגע. די גוישע עלטערן האבן געיאמערט אויף א קול אדער געזונגען רעליגיעזע לידער ווי אויף א פראצעסיע... די יידישע מיטבאגלייטער האבן געשפאנט טריט-ביי-טריט מיט נאענטע אין א טויטער שטילקייט, ווי עס וואלט ביי זיי אלעמען אפגענומען געווארן דאס לשון...

מיט דוניען זענען מיר געגאנגען איינער נעבן דעם צווייטן, — זיינע עלטערן און מיין מאמע הינטער אונדז, — עס האבן זיך געלאזט הערן די לעצטע ווארנונגען און אנזאגענישן, קיין געוויין, קיין געשריי. נאר א בלאסער אומעטיקער שמייכל אויף זייערע פנימער האט ווי געזאגט: זייט געזונט ליבע און טייערע קינדער... האלט אייך שטארק... און אט האט שוין דער צוג געריררט פונם ארט, ער איז שוין פארביי די בריק איבערן טייכל נאך דער צעגעלניע. דאס קליינע ליבע שטעטעלע איז פארשווונדן — און אויף אייביק.

דער זאמלפונקט איז געווען אין לעמבערג, דער באן-הויף, פול געפאקט מיט טויזנטער, ווי מיר, מאביליזירטע, האט געראנשט פון מענטשלעכן געפילדער, איין

טראנספארט נאכן צווייטן איז קאמפלעטירט געווארן מיט פריש געבאקענע צוקונפטיקע סאלדאטן און אפגעשיקט געווארן אין וועג אריין.

און אזוי זענען מיר, אכט רידיקער יידישע יונגעלייט, פארשיקט געווארן אין א גאר ווייטן וועג וועלכער האט געדויערט גאנצע פיר וואכן — ממש אויפן צווייטן עק וועלט . . . מען האט אונדז געפירט אין לאסט-וואגאנען וועלכע מען נוצט געוויינליך צו פירן סחורות אדער בהמות. אונדזערע נייע בעלי בתים האבן נישט געזען פאר נויטיק אונדז צו געבן א בעסערן טראנספארט מיטל. אן עלעמענטארע סאניטארע באדינגונגען, אויף הוילע ברעטערנע נארעס אויפגעבויט אין צוויי שטאק, און צו דעם אלעמען זייער שוואכע פארפלעגונג, — אזוי האבן מיר דורכגערייזט דאס גאנץ אייראפעאיש רוסלאנד און גאנץ אזיע, ביז מיר זענען אינגאנצען פארמאטערטע אנגעקומען אויף א מיליטערישן פונקט נישט ווייט פון דער מאנדזשורישער גרענעץ אויף דעם שטילן אקעאן.

באלד אין אנפאנג פון אונדזער דינסט זענען מיר רידיקער בחורים צעטיילט געווארן צווישן צוויי איינהייטן: לופט-שוץ און טעלעקאמוניקאציע. איך מיט דוניען זענען אריינגעפאלן אין דער ראדיא אפטיילונג.

די טעג האבן זיך געצויגן לאנגזאם, די שווערע איבונגען האבן ארויסגערופן א שטארקע אפאטיע צו אלץ וואס האט פאסירט ארום אונדז, אפילו די זעלטענע בריף פון דער היים אין די ערב מאנאטן פון דער דערנענטערנדיקער זיך מלחמה האבן נישט געקאנט ארויסרופן ביי אונדז קיין פונק פון האפנונג צו עפעס אן ענדערונג, אדער א פארבעסערונג אין אונדזער לאגע . . .

און אט האט פאסירט ממש א צופאל, — און פאר דוניען איז עס געווען ווי א נס.

געוואלט האט דער צופאל אז — לא עלינו — איינער פון די יידישע סאלדאטן (א בחור פון אן אנדער שטעטל אין גאליציע) איז אזוי גייסטיק צעבראכן געווארן, אז נאך א געוויסער צייט פון "באזוכן" א שפיטאל פאר נערוון קראנקע, איז דער בחור באפרייט געווארן פון מיליטער דינסט און געזאלט צוריק פארן א היים, אבער אזוי ווי ער איז נישט געווען געזונט, האט מען אים געמוזט באגלייטן אין דער רייזע און אים איבערגעבן אין די הענט פון זיינע עלטערן.

דוניע איז באשטימט געווארן אלס באגלייטער . . . עס איז לייכט זיך פארצושטעלן זיין פרייד אין מאמענט ווען ער האט זיך דערוווסט וועגן דעם. ער האט ווי אויפגעלעבט, געווארן רעדעוודיקער, ארומגעגאנגען א לוסטיקער און אפט אונטערגעברומט זיך א ניגון, ער האט אפילו אדורכגעמאכט פיל לייכטער די שווערע איבונגען.

מיר רידיקער חברים האבן מיטגעלעבט מיט דוניען דאס געשייעניש, ווייל מיר האבן געגלויבט, אז ווען ער וועט ענדיקן זיין אויפגאבע און איבערגעבן דעם קראנקן זיינע עלטערן, וועט ער אריינפארן קיין רידיק און איבערגעבן אונדזערע עלטערן א לעבעדיקן גרוס פון אונדז, זיי אלעס דערציילן פון אונדזערע איבערלעבענישן, אז מיר זענען געזונט, און ער וועט זיי אביסל בארואיקן און אריינגעבן נייע האפנונג.

דער טאג פון געזעגנען איז געקומען, באגלייטן האבן מיר אים נישט געקאנט, ביים פרישטיק אין עס-זאל האט יעדער פון אונדז געדריקט אים די האנט און נאכאמאל אנגעזאגט ער זאל נישט פארגעסן און אלץ דערציילן אונדזערע עלטערן.

עס איז געווען פסח צייט 1941. די סדר-נאכט וועלכע דוניע האט פארברענגט צוזאמען מיט זיין פאמיליע, אין דער צווישן מלחמה צייט, אין א רעזשים פון מאקסימאלער באשרענקונג און שלעכטע לעבנס באדינגונגען, האט באדייטעט מער ווי א סימבאל פון האפנונג, אונדזערע עלטערן האבן נאך מער ווי מיר אליין געגלויבט, אז די צייט פון אונדזער דינסט — וועלכע איז באשטימט געווארן אויף $2^1/_2$ יאר — וועט שנעל פארביי און מיר וועלן בשלום זיך צוריקקערן אהיים און ווי-נישט-ווי פראבירן אויף ס'ניי איינארדנען אונדזער לעבן אין די נייע באדינגונגען.

זיין צוריקקומען פון דער רייזע איז געווען פיל פראזאישער ווי זיין אפפאר... — ווידער די שווערע איבונגען און שטרענגע דיסציפלין, ווידער די טיפע גרויקייט פונם טאג-טעגלעכן לעבן, — און די קורצע איבערלעבעניש, וועלכע האט נאך מער פארשארפט די בענקשאפט נאך דעם קליינעם ליבן שטעטעלע, האט זיך צעבלאזען ווי אין א חלום...

דעם 22 יוני 1941, אין דעם היסטארישן טאג, ווען די דייטשן זענען באפאלן רוסלאנד, זענען מיר געווען ווייט פון אונדזערע ווינטער ווינונגען און געווען באשעפטיקט מיט בויען א פלי-פלאץ, ערגעץ ווו אין די טייגעס פונם ווייטן מזרח ביי דער מאנדזשורישער גרענעץ. די אויפגאבע פון אונדזער רעגימענט איז געווען צו גראבן און איבערפירן ערד פון איין ארט אויפן צווייטן, א מהלך פון 200 מעטער. מען האט געארבעט אין פארן; איינער האט געגראבן די ערד און זי געווארפן אין א טאטשקע, און דער צווייטער האט זי געפירט אויף א באשטימטן ארט, דוניע איז געווען מיין פארטנער (ווייל קיינער פון די גויים האט נישט געוואלט ארבעטן מיט אונדז). עס פארשטייט זיך, אז נישט ער און נישט איך זענען געווען פאסיק צו אזא שווערער ארבעט, די פארפלעגונג איז געווען קנאפ און די קאמאנדירן האבן אן רחמנות געזידלט און געפאדערט אויסצופילן די נארמע. בקיצור: מיר זענען געווען ביים פארלירן די כוחות; פיזישע און גייסטיקע. אין דעם היסטארישן טאג, ווען איך האב ווי יעדן טאג געעפנט מיין ראדיאסטאציע כדי צו קאנטראלירן איר ארבעטסגרייטקייט, האבן מיר געהערט די רעדע פון מאלאטאוו, וועלכער האט צווויסן געגעבן דער וועלט, אז די דייטשע כוחות זענען באפאלן רוסלאנד און די צווייטע וועלט מלחמה האט זיך צעפלאקערט אויף דאס ניי...

ווי א שטיין איז אונדז אראפ פונם הארצן, ענדליך וועט זיך עפעס ענדערן אין אונדזער פארביטערטע לעבן.

א קאמישע זאך — דווקא אין א מאמענט פון געפאר, ווען דער מענטש געפינט זיך אין סטאבילער שפאנונג פון שווערע איבערלעבענישן, ציט ער זיך אינסטינקטיוו צו דער געפאר, ווי א שוואלב צום פייער. עס איז שווער געווען נאכצוקלערן נאך די געפילן פון די גוישע סאלדאטן אינם מאמענט ווען זיי האבן געהערט וועגן אויסברוך פון דער מלחמה — כאטש זיי אליין האבן אויך געווארט אויף א ראדיקאלע ענדערונג אין זייער פארביטערטע לעבן. מיר אידן אבער האבן אויפגענומען די ידיעה מיט געמישטע געפילן. פון איין זייט האבן מיר דערווארט אן ענדערונג און דערלייכטערונג אין אונדזער שווערן לעבן — ענדליך וועט שוין נעמען א סוף צו אלע ליידן און פיין; און פון דער צווייטער זייט, רייך מיט דעם נסיון פון דער קורצער אקופאציע דורך די דייטשן פון אונדזער שטעטל רידיק אין די געציילטע סעפטעמבער טעג 1939, זייער

אכזריותדיקער באציאונג צו די ייִדן — זענען מיר געווען פול מיט זארג פאר דער צוקונפט פון אונדזערע עלטערן, וועלכע זענען באלד דעם ערשטן טאג פון דער מלחמה געווען אין פראנט פייער.

אבער אזוי שנעל האבן זיך אונדזערע לײדן נישט געענדיקט, זיי האבן זיך נאך פארשטארקט און פארברייטערט . . . מיט א בהלה האט מען אונדז צוריקגעקערט אין די קאזארמעס. דעם וועג פון כמעט 100 קילאמעטער האבן מיר געמוזט מאכן צו פוס און דער מארש האט געדויערט 26 שעה אן אונטערברוך. עס האבן זיך אנגעהויבן טעג פון אונמענטשלעכע איבונגען און פארבארייטונגען צום קאמף, — מיט א גרויסן פראגע צייכן: מיט די יאפאנער אויפן ארט ווו מיר זענען געווען, אדער מ׳וועט אונדז אריבערוואַרפן אויפן אייראפעאישן פראנט?

און דאן האט פאסירט א דראמאטישע געשייעניש; אזוי ווי אלע סאלדאטן וועמענס אפשטאם איז געווען פון אמאליקן פוילן, די אזוי גערופענע "זאפאדניקעס", האבן זיך פאררעכנט אלס א נישט זיכערער עלעמענט אויף וועלכן מען טאר זיך נישט פארלאזן בשעת א סכנה פאר דער סאוויעטישער מדינה, איז ארויס א באפעל, אז אלע "זאפאדניקעס" זאלן איבערגעפירט ווערן פון די קאמפס-איינהייטן אין ארבעטס באטאליאנען. נאר איינצעלנע — א צענדליק פון פילע טויזנטער, און נאר אידן, האט מען געגעבן דעם "כבוד" צו פארטיידיקן דאס סאוויעטיש היימלאנד מיט געווער אין דער האנט.

דוניע און איך זענען געווען צווישן די איינצעלנע גליקלעכע.

פון דעם טאג ווען מיר האבן זיך געזעגנט און צעשיידט פון אונדזערע חברים, די נאענטסטע פון אלע מיט וועלכע מיר האבן דורכגעמאכט די שווערע מיליטער דינסט, — פון דעם טאג ווען מ׳האט אונדז פארלאדן אין לאסט וואגאנען כדי אונדז צו פירן אויפן דייטשן פראנט, — האבן זיך מער אונדזערע וועגן מיט דוניען נישט צעשיידט, ביז דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן.

אונדזער ערשטע באגעגעניש מיט דעם שונא איז געווען אויפן לענינגראדער פראנט. אין א געגנט פון אוראלטע וועלדער ווו א מענטשלעך פוס האט נאך נישט געטרעטן, פון זומפן אין וועלכע מיר האבן געמוזט אליין זיך מאכן א וועג פון געשניטענעביימער, געטרינקען דאס וואסער פון די זומפן און געגעסן פון א צוטיילונג, כמעט געהונגערט. אזוי האבן מיר מער ווי צוויי וואכן זיך געיאגט נאך די דייטשן וועלכע האבן זיך יעדעס מאל באוויזן אויף אן אנדער ארט אינם וואלד כדי ארומצורינגלען די שטאדט לענינגראד כדי זי אפצושניידן פון די עיקר׳דיקע סאוויעטישע כוחות.

די מפלות פון די סאוויעטן אויף אלע פראנטן זענען געווען דאן איינע גרעסער פון דער צווייטער, שטעדט זענען פארנומען געווארן מיט א בליץ שנעלקייט, און ווען די סכנה פון פאלן פון דער הויפטשטאדט מאסקווע איז געווארן ממשותדיקער פון טאג צו טאג, האט מען אונדז אריבערגעווארפן אויפן מאסקווער פראנט אין דער געגנט פון מאזשאיסק.

פיר מאל זענען מיר באמבארדירט געווארן ביז מיר זענען אריבער פון לענינגראדער געגנט ביז מאסקווער געגנט. זער פיל זעלנער זענען געפאלן ביי די באמבארדירונגען, איך און דוניע זענען ארויס גאנץ פון דער געפערלעכער רייזע א דאנק דעם, וואס בשעת איינעם פון די לופט-אנגריפן דורך דייטשע עראפלאנען, האבן צוויי סאלדאטן,

פאלנדיק פארדעקט מיט זיך אונדזערע קערפערס, און אזוי ארום ארייננענומען אין זיך די גאנצע צאל טויט קוילן.

דער מארש פונם לעצטן באן-פונקט ווו מיר האבן זיין אויסגעלאדן, ביז דער ערשטער קאמפס-ליניע, האט געדויערט נישט מער ווי א פאר שעה גייענדיק צו פוס אין דער נאכט. מיר האבן זיך אויף שנעל פארגראבן אין דער ערד. א סאך זעלנער זענען אונדז פארביי שוין אויפן וועג צוריק פונם קאמף און ממש געלאכט פון אונדז זעענדיק ווי אזוי מיר גרייטן זיך איינצוהאלטן די מעכטיקע דייטשע מיליטער מאשין.

און טראץ אלעם האט דאס שיינע וועטער וועלכע האט נאך געהערשט אין די שפעטע אקטאבער טעג, די ווארעמע שטראלן פון דער זון, געווירקט אביסל דערמוטיקנדיק. מיר האבן אבער יעדע מינוט געווארט אויף אן אנגריף פון די דייטשן.

און אט איז אלעס מיטאמאל שטיל געווארן, דאס געשיסעריי האט זיך נישט געלאזט מער הערן, און דאס שיטערע וועלדל מיט דער צעקאפעטעטער ערד האט זיך מיט א מאל אנטפלעקט אין זיין גאנצער הערבסט-פראכט. אפילו די פייגל האבן אנגעהויבן ווידער צו זינגען. און איך מיט דוניען, זיצנדיק צוזאמען אין א נישט טיפן גרוב, האבן אנגעהויבן טראכטן אויפן קול: וואס, צום ביישפיל, מאכן יעצט אונדזערע עלטערן, ווי לעבן זיי אויפסניי אונטער דער דייטשער אקופאציע, וואס קלערן זיי וועגן אונדז?

מער ווי א מעת לעת האט געדויערט אט די פאסטאראלע שטילקייט. פארנאכט האבן מיר שוין אפילו אנגעהויבן זיך גרייטן צו כאפן א גוטן שלאף, נאך א לאנגער צייט פון פילע נישט געשלאפענע נעכט.

אבער פלוצים האט זיך דערהערט איבערן וואלד א שטארקער עכא פון געשיסערייען, און דווקא פון הינטער אונדזערע פלייצעס, פון וואנען מיר האבן אמווייניקסטן געווארט. דאס געשיסעריי האט זיך וואס א מאל דערנענטערט, די קוילן זענען שוין געפלויגן איבער אונדזערע קעפ, פון ערגעץ ווו האט ווער אויסגעשריגן אז דאס שיסן די דייטשן וועלכע זענען שוין הינטער אונדז און מיר זענען ארומגערינגלט פון אלע זייטן.

עס האט זיך אנגעהויבן א געפילדער און א געלויפעניש פון אלע זייטן. ווי מיט א כישוף זענען פארשוואונדן אלע אפיצירן, יעדער האט אנגעהויבן צו ווארפן פון זיך אלעס וואס געהערט צום מיליטער אויסריסטונג: דאס געוועער, דעם העלם, די גאז-מאסקע און אפילו די דאקומענטן, אראפגעריסן דעם רויטן שטערן פונם היטל, די ראנגע צייכנס פון די אקסלען. יעדער האט זיך באמיט צו באפרייען פונם שווערן יאך וואס די אלע זאכן האבען סימבאליזירט און ווי אמשנעלסטען צו פארשווינדן פון דער גרופע.

נאר איך מיט דוניען זענען געבליבן פלוצים אליין, פון אלע אונדזערע מיטקעמפער פונם רעגימענט איז נישט געבליבן קיין זכר. די נאכט איז שנעל צוגעפאלן, פארשידענע געדאנקען האבן געגריבלט דעם מוח, מיר האבן נישט געוווסט וואס צו טון... צי זאלן מיר ערגעץ ווו זיך פארשטעקן און באהאלטן זיך אין א דארף ביי א פויער? און אפשר גאר זיך איבערגעבן אין געפאנגענשאפט און איין מאל פאר אלע מאל ענדיקן מיטן מיליטער? אבער ווער ווייסט וואס ס'וועט זיין מיט אונדז אין געפאנגענשאפט?

מ'האט זיך געלאזט אין וועג אריין, אויף מזרח, דאס הייסט אין דער ריכטונג פון

וואנען עס האט זיך געלאזט הערן דאס געשיסערײ, אפשר וועט אונדז געלונגען זיך אדורצוגנבנען דורכן רינג פין די דײטשן און ווידער ארײנפאלן אינם שוץ פונם רויטן שטערן?

נאר אײן טאש מיט אביסל פראוויאנט פאר בײדע האבן מיר מיטגענומען. די פינסטערע הערבסט נאכט מיט איר דורכנעמענדיקער קעלט האט זיך געלאזט פילן אין אלע בײנער, אלע וועגן און סטעזשקעס פונם וואלד זענען געווען פול מיט אזעלכע ווי מיר וואנדערנדיקע סאלדאטן וועלכע האבן נישט געוווסט וואס צו טון מיט זיך. אלע זענען מיר געגאנגען אין אײן ריכטונג — אויף מזרח. א טעמפ געפיל האט געהערשט בײ אלע, בײ אלע איז געווען נאר אײן ציל; ווי אזוי ארויסצורײסן זיך פונם דײטשן רינג.

מיד אין פארמאטערט פונם שווערן נאכט מארש האבן מיר פראבירט זיך אביסל אפרוען אין אײנעם פון די פילע גריבער, אבער באלד מיטן ערשטן ליכט שטראל האבן מיר זיך ווידער געלאזט אין וועג ארײן.

די ווײטערדיקע דרײ טעג פון אונדזער וואנדערן זענען נישט געווען לײכטער ווי דער אנפאנג. אונדזער בשותפותדיקע טאש מיט פראוויאנט האט זיך אויסגעלערט. כדי צו שטילן דעם הונגער האט מען געקליבן די האלב פארפרוירענע קארטאפל אדער קרויט בלעטער ווען מיר זענען פארבײ נעבן א דארף. די דארפס-לײט האבן אונדז נישט ארײנגעלאזט אין שטוב אדער אפילו זיך אפרוען נעבן זײערע וווינונגען. זײ האבן אונדז געטריבן פון פחד, די דײטשן זאלן זײ נישט באשולדיקן אין אויסבאהאלטן סאוויעטישע זעלנער... דאס געשיסערײ האט זיך ווידער געלאזט הערן פון דער ריכטונג אין וועלכער מיר זענען געגאנגען, — דאס הײסט אז מיר דערנענטערן זיך צום ראנד פונם רינג.

און אט האבן מיר באגעגנט א גרופע זעלנער וואס מיט עטלעכע פון זײ זענען מיר געווען צוזאמען אין אײן רעגימענט אײדער ער איז זיך צעפאלן. אבער צו אונדזער דערשטוינונג, האבן די פריערדיקע מיטדינער זיך פארפרעמדט צו אונדז און מיט אפענער שנאה האט יעדעס מויל געלאזט הערן אנטיסעמיטישע אויסדרוקן. די דײטשן האבן אין יענע טעג פארשפרײט גרויסע מאסן פון פלוג-צעטלעך אין וועלכע זײ האבן געהעצט די באפעלקערונג ווי אויך די צעלאפענע סאלדאטן קעגן די יידן און די קאמוניסטישע קאמיסארן, אז נאר זײ זענען שולדיק אין דער אויסגעבראכענער מלחמה, און דער פליכט פון יעדן רוסישן מענטש איז קודם כל ליקווידירן די יידן און די קאמיסארן. די לאזונגען האבן זער שנעל געווירקט, די פארבארגענע שנאה האט שנעל אויפגעלעבט. א פחד און אן אימה האט אונדז ארומגענומען, מיר האבן נישט געוווסט וואס מיט זיך צו טון, ווו זיך צו באהאלטן...

יעצט האבן מיר זיך באמיט זיך צו דערווײטערן פון יעדן דארף, פון יעדן זעלנער. מיר זענען געווען געיאגט פון זיך אלײן...

ווידער איז פארבײ א טאג פון וואנדער, ווידער איז צוגעפאלן די נאכט, א רעגן געמישט מיט שנײ האט איבערגעריסן אונדזער אונאויפהערנדיקן מארש. נאך פילע זוכענישן נאך א שטיקל פלאץ אין א צוגעדעקטן גרוב איז אונדז געלונגען זיך ארײנדריקן צווישן א מענטשן מאסע. כדי אביסל זיך אפרוען אין אויסגלײכן די בײנער. די נאכט איז געווען שטיל, דאס געשיסערײ האט אויפגעהערט, און איך מיט

דוניען זענען צוגלייך מיט אלע ארום אונדז, פארמאטערטע און הונגעריקע, פארזונקען אין א טיפן שלאף.

אויף אונדזער אומגליק זענען מיר אין דער טראגישער נאכט געלעגן צוזאמען מיט די זעלנער וועלכע האבן אונדז געקענט, מיר האבן אפילו נישט געהאט די מעגלעכקייט צו קלערן וועגן דער געפאר אין וועלכער מיר געפינען זיך.

איין און איינציקער שאס האט זיך געלאזט הערן אין דער שטילער נאכט, און ווען איך האב אויפוועקנדיק זיך פונם שאס געזוכט דוניען מיט מיין האנט און געפונען ליידיק דעם פלאץ ווו ער איז געלעגן, האב איך מיט גרויל ווי עפעס שרעקליכעס ארויסגעשריגן: ווער האט דא געשאסן!

פון דער פינצטערניש אינם טיפן גרוב, פול געפאקט מיט מענטשלעכע קערפערס, האט זיך געלאזט הערן א קול פון א גוט באקאנטן אוקראינישן גוי מיט וועלכן מיר האבן געדינט צוזאמען מער ווי א יאר; "יא פוסטיל יעווא ווראסטשאָט" — איך האב אים געלאזט אין רעכנונג . . .

איך האב זיך ארויסגעכאפט פונם גרוב און זיך געלאזט לויפן אין דער פינצטערניש פון דער נאכט ווי שנעל די פיס האבן מיך געטראגן . . .

השם ינקום דמו. יהי זכרו ברוך.

א. אחידוב

הירש טל, או הירש׳לי איסר לייבס — קרבן משטר הדמים

הירש׳לי היה בן־הזקונים של איסר לייב טל, סוחר הבהמות הידוע ברודקי. הוא היה היחידי מתוך שלושת בניו ושתי בנותיו של איסר לייב שלא נמשך למסחר וגילה רצון וכשרון ללימודים. לאחר שסיים את בית־הספר העממי ברודקי נאלץ לעבור לעיירה פשמישלאני להמשך לימודיו בגימנסיה המקומית, שהיתה מוסד פרטי. לא היה דבר יקר בשביל הירש׳לי שלו בעיני אביו. הירש׳לי היה כל תקוותו ועליו היתה כל גאוותו.

הירש׳לי אכן היה ראוי לכך. הוא היה צעיר עדין־נפש, צנוע ובן מסור להוריו, שהיו כבר באותו זמן סבים לנכד שהיה בגילו של הירש׳לי. בשנת 1934 סיים הירש׳לי את הגימנסיה וחזר לרודקי וכאן המשיך להשתלם בניהול פנקסים. קרוב לפרוץ המלחמה נשא לאשה את בתו של משה גרטנר והתפרנס בכבוד מעבודתו כמנהל פנקסים.

הירש׳לי לא היה מעורה בחיים הפוליטיים בעיר, חי את חייו הפרטיים בצנעה והיה בעל נאמן לאשתו, אב מסור לבנו שנולד בזמן המלחמה ובן דואג להוריו הזקנים שירדו מנכסיהם זמן רב לפני פרוץ המלחמה.

עם כניסת הסובייטים החל לעבוד כפקיד במחלקת המיסים הממשלתית. הוא נמנע מלהתבלט ולא שאף לקריירה בזמנים טרופים אלה, כפי שעשו זאת רבים ממכריו. שנאת אחים, שבאה לביטוי בולט בזמן שלטונם של הסובייטים בעיירה, גרמה למסע הלשנות הדדיות בין הקומוניסטים היהודיים בעיירה, והשלטונות צמאי הדם רשמו לפניהם את כל הלחישות על פעילות טרוצקיסטית, ציונית וקונטררבולוציונית. וכל זאת מתוך שאיפה לקריירה על חשבון הזולת. באחד הימים החלו מעצרים בבתים באמצע הלילה ובמקומות העבודה באמצע היום, ואחד מהקרבנות האלה היה הירש׳לי טל, שנלקח ממקום עבודתו לחקירה ולאחר שעה הוצא להורג על ערימת זבל, ללא חקירה וללא משפט כלשהו. רק כעבור יומיים התברר, שהיתה טעות בזיהוי הקרבן והתכוונו לעצור את הירש טל, הבן של בריינצ׳י, שהספיק בעוד מועד לעקור מן העיר. הירש׳לי נפל, איפוא, קרבן של השיטה הסובייטית המפורסמת, שקודם מוציאים להורג ואחר־כך חוקרים.

מ. מוסינגר

חיים דוד הוך

אחת הדמויות המקוריות בנוף האדם בעירנו היה ללא ספק ר׳ חיים דוד הוך. בהיותו תקופה ממושכת בצבא האוסטרי הרחיב את ידיעותיו והעשיר את נסיונו במקצוע החובשות. במקצוע זה היה פועל רבות ובהצלחה מרובה בעירנו, ותושבי העיר, יהודים ונוצרים כאחד, היו מזעיקים אותו לחולים בכל שעות היממה, בהעריכם את טוב ליבו, מסירותו לחולים ואת טיפולו היעיל בהם. הוא היה מאד מקובל על חוליו ובהופעתו ובהלצותיו היה נוסך בהם ביטחון ומביא להם הקלה. הוא היה רגיל לשוחח גרמנית, וגם האידית שלו היתה מתובלת מלים גרמניות, זכר לשרותו בצבא של פרנץ יוזף.

הוא קנה את עולמו בטיפולו בחולי הטיפוס המרובים בשנת 1920, כשהוא מצליח להציל חולים רבים ממוות בטוח. חבריו היו מאזינים בהתעניינות רבה לדעותיו הספקניות בנוגע לארץ-ישראל, שבה לא ראה פיתרון של הבעיה היהודית בגלל איבתם של עמי האיזור.

ר׳ חיים דוד היה ידוע כחובב מוסיקה ואהב לפזם אריות של אופרות, התיידד במיוחד עם ברל ראב ושמואל יעקב מנדלקורן ושלושתם אהבו לשוחח על הצגות אופראיות שחזו בהן בזמנו בווינה ולאחרונה בלבוב. והיו שרים תכופות יחדיו אריות וקטעי אופרות מפורסמות שונות. במיוחד זכור לי כי היה שר אריות מהאופרה ״קבלריה רוסטיקנה״, הצגה האהובה עליו מכל האופרות.

זוכר אני את ר׳ חיים דוד הוך, גבה-קומה, פניו סמוקים, בעלי עיני תכלת, בחליפות בהירות בעיקר, מגבעת בהירה כדרך הנאורים, תמיד במצב רוח טוב, אף פעם אינו מתאונן ושמח בחלקו. מצבה של משפחת הוך היה שפיר מבחינה כלכלית ודבר זה איפשר לו את פעילותו הענפה והמגוונת בחיים הציבוריים של העיר.

הוא היה ממייסדי החוג ״ביקור חולים״, פעיל מאד בו ובמיוחד התפרסם בפעילותו ההומנית בניהול המטבח העממי לילדי מעוטי היכולת שהוקם בעירנו ביזמתו. במטבח זה היו מחלקים ארוחות חמות לילדים הנזקקים. את מימון המטבח הבטיח ממענקים של העיריה, הקהילה ומתרומות חודשיות של בעלי בתים בעיר. הוא היה יהודי חם ויקר, בעל נפש הומנית רגישה.

חנה ומשה הוך

מות אבינו במחנה ההשמדה בלז׳ץ, 13.11.1942

אולם רחצה. קבוצת אנשי רודקי נכנסו לרחצה, ביניהם אבי. הם אינם יודעים כי נפלו קורבן לתרמית, להטעיה ולאכזריות של המרצחים הנאצים. בדלת–אשנב קטן. זוג עיני פלדה עוקבות אחר הנעשה בתוך אולם הרחצה. הן רואות אנשים מתעוותים מכאב ומטיחים ראשם בכותל. הן רואות אנשים רוצים לחיות. גופות מתפתלים, המחפשים אוויר שאינו מורעל, ידיים משוטטות ומחפשות פירצה כלשהי, דרכה יחדור אוויר להשיב נפש. היו אלה עיני חיות טורפות ומפלצות. אבל . . . זה לא שינה את המצב. אבינו איננו עוד . . .

סבינה הוך

סבינה הוך היתה מיילדת מוסמכת במקצועה ונדמה לי כי לשם כך נולדה. אשה נאה, אינטליגנטית ועדינת נפש, ידועה כדמות אצילה, כינויה "המלאך הטוב" המיטיבה ליולדות מחוסרות אמצעים, כשהיא מגישה להן סעד רפואי ונפשי ולא פעם עזרה חומרית בצורה מוצנעת.

סבינה הוך היתה מנוסה בהגשת עזרה ראשונה והצעדים הראשונים של חולי העיר כוונו אליה, וכשלא יכלה לעזור, סימן שמצבו של החולה רציני ביותר.

שלטה יפה בגרמנית, יידיש, אוקראינית וכמובן בפולנית והיתה ידועה כאחת הפעילות ביותר בוועד הציבורי למען המטבח לילדים טעוני טיפוח. היא ובעלה חיו חיי עמל וכל שאיפתם היתה לתת חינוך מוסיקלי וכללי לילדיהם, חנה ומשה. שניהם עברו משבר קשה בזמנו, כשבנם הראשון, שמואל נפטר בהיותו ילד בן 13. בדומה לתושבי העיר היהודיים האחרים, ניספתה סבינה הוך בחיסול גיטו רודקי.



מות אמנו ביער בז'ז'ינה, רודקי, 4.4.1943.

לייב טל, יו"ר הוועד היהודי בגיטו רודקי, מסר בעדותו כי שמע מפיו של אוקראיני רודקאי הריצ'קו, אשר נוכח בשעת החיסול ביער בז'ז'ינה, שסבינה הוך, לפני עלותה על קרש המוות שמעל קבר האחים, פנתה למפקד הס.ס. במילים הללו: "אדם נולד בצלם אלוהים עם יעוד בחיים, אתם כנוצרים פועלים נגד אלוהיכם ואלוהינו ותבואו על עונשכם".

אלה היו מילותיה האחרונות. יהא זכרה ברוך.

מסיפורי הזוועות

יהודה גרייף

הילד-הפרטיזן

כשפלשו הגרמנים בשנית לגליציה המזרחית הייתי בן שש וחצי. מיד עם כניסתם שרפו את מרבית בתי היהודים וביצעו בהם מעשי רצח. הבינותי שעלי לעזוב את העיירה ולחפש מקלט בסביבה. נתקבלתי לעבודה אצל נוצרי פולני ועבדתי אצלו עד התאריך 9.4.1943, שבו ביצעו הגרמנים פעולת חיסול של האוכלוסיה היהודית ברודקי. מספר ימים לאחר מכן פוטרתי מהעבודה, בגלל פחד מעבידי מפני הלשנת השכנים. הורי כבר לא היו בחיים ואחד מאחי, שהצליח להימלט ליערות שבסביבות ראווה רוסקה, בא לקחתני אליו. הסתתרנו שם כשמונה חדשים ובינתיים נודע לנו שלא הרחק מאתנו נמצא גדוד פרטיזנים רוסיים. לאחר נדודים רבים בלילות, כאשר אנו סובלים מקור ומרעב, הגענו תוך סכנת נפשות לכפר, שבו חנתה היחידה. לאחר שלקחו מאתנו את נשקנו והחזיקונו במשך יום שלם תחת משמר כבד, הועמדנו לחקירה בפני סגן אלוף ולאחר שגילינו לו שאנו יהודים, נתקבלנו לפלוגת הפרטיזנים של קולפאקוב.

כאן שרתנו עד אוגוסט 1944, משמע עד לשיחרורנו בהרי הקרפטים ע״י הצבא האדום. באוקטובר אותה שנה נסענו לעיר לבוב ושם גוייס אחי לצבא ואני נשארתי בלבוב. בשנת 1945, לאחר גמר המלחמה, הגיע אלי אחי ולקחני אתו לסלובקיה ושם הוכנסתי לבית ילדים בעיר קושיצה, ואני אז בן עשר שנים וחצי.

בנימין בורר

נקברו חיים

בקיץ 1941 שהיתי כפליט בעיר חודורוב ולאחר כניסת הגרמנים אליה - החלטתי אני ועוד ארבעה בני־עיר לחזור ברגל לרודקי. היו אתי: ירשי ברגר, בנו של אהרן העגלון, יידל ליטמן, בנו של אליעזר ואיצ׳י צימרמן עם בנו (בנה ונכדה של סימה ״די זאראסקרין״). הלכנו בדרכים עקיפות וכשהגענו לכפר הורוז׳אני נתקלנו בחיילי הוורמכט שהיו מוקפים המון חוגג של אוקראינים מבני הכפר. כולנו נעצרנו והוכינו מכות רצח.. אותי ואת ירשי ויידל צירפו לשבויים והובילונו לעיר רוזדול ואת איצ׳י ובנו - בגלל נסיון בריחה - מסרו ל״טיפול מיוחד״ לאנשי הכפר לונקה, ואלה הכריחום לחפור בור ולאחר שמלאו את פיהם זפת, השליכום לתוך הבור וקברום חיים לקול צהלת ההמון הנאסף.

יעקב אכטל

דבורה אכטל וילדיה הי״ד

דבורה אכטל, בתו של מרדכי, היתה נשואה ליוסף אונגרפלד. היא גרה במושצ׳יסקה ובאחת מפעולות החיסול הועלתה ביחד עם ילדיה על רכבת המשלוח שהיתה בדרכה לבלז׳ץ. גם היא החליטה ברגע האחרון לברוח מהרכבת תוך כדי נסיעה ולשם כך רוקנה את מזוודותיה, שמה בהן את פעוטיה וזרקה אותן החוצה, כשהיא קופצת אחריהן. היה זה בחשכת הלילה. למזלם גם היא וגם ילדיה, אותם מצאה תוך דקות ספורות, יצאו ללא פגיעה. אולם עם עלות השחר פגשוה איכרים אוקראיניים והובילוה יחד עם ילדיה לזרועות הגסטאפו. התמורה שקיבלו חוטפיה — שני ק״ג סוכר בעד כל נפש.

(על סמך עדות אחיה ביד ושם מס׳ 2340/2411)

פרידה פרן (לאופר)

הבנות שרו "התקווה"

ימים אחדים אחרי פרוץ המלחמה פלשו הגרמנים לעירנו ומיד שרפו חלק גדול של הבתים, ברובם יהודיים. את בעלה של אחותי צילה, רוקח במקצועו, הוציאו להורג יחד עם קבוצת האינטליגנציה של העיר. אחותי ואלמנות אחרות יצאו אל המקום בו חוסלו יקיריהן ובמו ידיהן הסירו את האדמה מעל גופותיהם כדי לזהותם. אך הנסיון להביאם לקבר ישראל עלה בתוהו בגלל איומי האוקראינים שבסביבה.

האזור היה נתון אחר-כך בשליטה רוסית, וכשפלשו הגרמנים שנית לרודקי, שהיתי אצל אחותי ברוניה בסטארי-סמבור והיינו מנותקות מיתר בני המשפחה שנותרו ברודקי.

אני עם עוד קבוצת בנות עבדנו באיסוף ויבוש צמחים רפואיים בשביל הגרמנים. פעם נראה עובר אוטו משא ובו בנות צעירות שרות "התקוה", כאילו בדרך לארץ-ישראל. היה זה היום בו נלקחה קבוצתי להשמדה ואני בדרך נס נעדרתי מהעבודה באותו יום.

הצלחתי להימלט ליערות הקרפטים והצטרפתי עם אחותי לקבוצת פרטיזנים. התנאים היו קשים מאוד, אחותי נפצעה בראשה, אני ברגלי, אך למרות כל הסכנות שארבו לנו נשארנו בחיים.

אחרי המלחמה שמעתי מפי רוקח מקומרנו פרטים מזעזעים על סופם הטרגי של בני משפחתי. אחי אליעזר היה בלבוב במחנה ינובסקה. הוא תיכנן בריחה וביקש מאתנו עזרה, אך לא היה באפשרותנו לסייע לו.

בתקופת החיסול הסופי של גיטו רודקי הוציאו את הורי ואת אחותי צילה עם ילדה ליער הסמוך ושם חוסלו. אבי הצליח להימלט לתוך היער, אך הרוצחים השיגו אותו. מהדהדות באוזני המילים האחרונות של אמי, אשר הגיעה אלינו מחופשת ככפרית אוקראינית כדי לטפל באחותי שהיתה חולה. לפני צאתה לדרך בחזרה לרודקי, אמרה:

"זו בוודאי בפעם האחרונה אנחנו מתראות. את צעירה פרידז'יו. דעי, כדרך הטוב, כך גם הרע חולף". דבריה נסכו בי תקוה בזמנים הקשים ביותר.

נודע לי גם שבת דודתי מילקה לאופר מתה במגפת הטיפוס שפרצה בגיטו. את אחותה ברוניה עם ההורים העבירו ברכבת להשמדה. את דודי ישראל קולב העבידו קשה בסלילת כבישים. בדרכו מעבודתו הכו אותו אוקראינים באכזריות עד שנפח את נשמתו.

יהי זכרם ברוך.





אתל האנל הי"ד

שמואל האנל

אחותי אתל הי"ד

שלושים ושבע שנים חלפו מאז ראיתיה בפעם האחרונה ודמותה טרם נשכחה מלבי. אתל היתה הבת הבכירה של משפחתנו. שחורה ונאוה, דקת גיזרה ונמוכת קומה, כשגון פניה החינניים שחום כשל אחת מבנות תימן הרחוקה. עיניה שחורות, גדולות, עמוקות ומלאות הבעה, מתוכן משתקפים רוך נשי, טוב לב, אינטליגנציה ואצילות נפש.

כזו היתה אחותי אתל, בתו של אבי יהודה האנל, סוחר מצליח וחסיד האדמו"ר הרודקאי. היא היתה צעירה משכילה ונעימת הליכות והודות לתכונותיה ואופיה העדין רכשה לעצמה ידידות רבות בין בנות גילה ושכנותיה הנוצריות. אחת מאלה היתה גנקה גוזיקיביץ', הידועה בשם "הוליי-סטאשו". בזמן הגירוש לגיטו הציעה לה גנקה מחבוא בחצר ביתם, אולם הלשנה זידונית מצד משתף פעולה אוקראיני בשם פיקוש, גרמה להירצחה ע"י קלגסי הגסטאפו.

גורל דומה היה מנת חלקם של שאר בני המשפחה: האב יהודה, האח מנדל עם משפחתו והאחות הצעירה ריבה; כולם מצאו את מותם במבצע החיסול בנובמבר 1942.

(כל זה נמסר לי ע"י גנקה גוזיקיביץ', בחודש אוקטובר 1945, בזמן ביקורי ברודקי).

מ. הוך

מותו הטראגי של משה פרוסט

לאחר חיסול הגיטו לא היה רשאי שום יהודי להימצא ברודקי. בדרך נס ניצל מהחיסול משה פרוסט שבעת החיסול היה בעבודה באחד הכפרים. מיד עם שובו העירה נכלא ע״י הגסטאפו וברגע שהשוער טארנבסקי ניכנס לתא, הוא חטף ממנו בזריזות את המפתחות וכלא אותו בתא ובעצמו החל לברוח. אך בחצר נתקל באחד מאנשי הגסטאפו, אשר בודאי לא חשד בו שהוא יהודי, אולם משה נבהל ממנו והחל לברוח לכיוון שוק הבהמות ושם השיגוהו וירו בו.



חנה הוך

נשקה קלייסט הי״ד

היא היתה בתו של סוחר תבואות בשם מוני קלייסט וגרו בביתו של יהודה וולף לקס.

עם הקמת הגיטו מצאה נשקה מחבוא בעזרת צעיר פולני, יפה תואר ועדין נפש בשם נושק, בנו של שוטר פולני מקומי שנפטר לפני המלחמה, הודות לכך היא ניצלה מצפורני הגסטאפו ומיד לאחר יציאת הגרמנים יצאה בעגלה ללבוב לחפש שרידי משפחה ונרצחה ע״י הבנדרובצים.

(לפי עדותו של מצילה)

מ. מוסינגר

יקירינו, מעוני גיטו רודקי

למרבה הצער אין בידנו מידע מקיף וממצה על עינויי החיים של יקירינו בגיטו רודקי ועל הזוועות שהיו תופעות לואי למיבצעי הגירושים והחיסול. מספר שרידי הגיטו, כולל אלה שהסתתרו ביערות ובכפרים הסמוכים, היה כמעט אפסי ויחידים מהם הגיעו ארצה. הנותרים מפוזרים ברחבי תבל ואחד מהם שנשאר לפליטה בזכות מטיבתו ואשתו הנוצרית, גנקה גוז׳יקיביץ׳ (הוליי סטאשו), הוא הרופא הווטרינרי אייזנברג. הם היחידים המוסיפים להתגורר ברודקי והם אשר מסרו לאברהם וינגרטן את כל סיפורי הזוועות מהגיטו הרודקאי. אנסה להביא שניים מתוכם, כפי שתוארו במכתב מלפני כ-10 שנים:

גולדה שטכל הי״ד

היא היתה בתו של נחום שטכל ואשתו של איז׳ו אונגרפלד, בנו הצעיר של שמשון. היא היתה יפת-תואר, בעלת מראה פנים ״ארי״, בהיותה בהירת שער ועיניים. בזמן אחד ממיבצעי החיסול (״אקציה״) נתן בה עיניו קצין גסטאפו ממוצא צ׳כי והחליט להצילה. לשם כך הלבישה בשמלה כפרית, ציידה בתעודת מסע והורה לה לנסוע לצ׳כיה מולדתו. לרוע המזל השגיחה בה אשה אוקראינית לפני שהספיקה לעלות על הרכבת והסגירה אותה לאנשי הגסטאפו. אלה הביאוה אל שוק הבהמות (targowica) והשומרים שיסו בה את הכלבים שקרעוה לגזרים לעיני ההמון צמא-הדם היהודי.



סימה יקיר הי״ד

סימה יקיר, בתם יחידתם של נפתלי וחנה (״די צ׳צ׳אכיס״), היתה בעלת יופי בלתי רגיל ובאחת החטיפות שערכו אנשי ה-ס.ס. על יהודי הגיטו, נלקחה על ידם אל בור סיד ולאחר עינויים מרובים הושלכה אליו ביחד עם תינוקה ושניהם נשרפו חיים.

מ. מוסינגר

הניה ננר הי״ד


היא נולדה ברודקי לאביה הרמן ננר ולאמה גולדה לבית קוך, בת דודתו של אביש שלייאר. אביה היה ידוע ברודקי כחייט הצמרת, אולם בפרוץ מלחמת העולם הראשונה עקרה כל המשפחה לעיר סמבור. כשהכרתי את הניה היתה כבר כבת עשרים. היא היתה בעלת הופעה נאה ומושכת, בעלת גיזרה חטובה, עליזה ומלאת-חיים. פניה בהירים, כשסומק קל נסוך עליהם. עיניה חומות, ארוכות ועמוקות ומעליהן שתי קשתות של גבות שחורות כצבע שערה הסמיך והמסולסל. היה לה כשרון נדיר לציור ותמיד שאפה להשלים את ידיעותיה והטכניקה בתחום זה. היא היתה עוסקת בגרפיקה כתחביב ובשירטוט כתעסוקה לצורכי פרנסה. עבדנו ביחד בסמבור אצל המהנדס הפולני וילהלם זופוט שהתייחס אלינו כאבא טוב וסלחן, על אף היותו נציג המפלגה האנדקית במועצת העיר, ואנו מצידנו אהבנוהו והערצנוהו בשל כך.

עם פלישת הנאצים לסמבור בשנת 1941 ועם הקמת הגיטו המשיכה הניה כציירת במשטרה הגרמנית ובמשך שנתיים הספיקה לצייר עשרות תמונות שמן וצבעי מים בעלות ערך אמנותי רב שנאספו ע״י הגרמנים בבניין בית המשפט המחוזי לצורך העברתן לגרמניה. כל התמונות חתומות בראשי תיבות: H.N. להניה ניתנה תעודת יציאה חופשית מהגיטו.


הציירת הניה ננר הי״ד בת רודקי

בחודש יוני שנת 1943 נמסרה לה ידיעה חשאית על חיסול הגיטו ע״י הגסטאפו העומד להתרחש תוך 3 ימים. הניה מסרה את הידיעה לקבוצה מחתרתית בגיטו שאליה השתייכה וזו החליטה לברוח ליער. אולם הגסטאפו הקדימה את האקציה וכל הקבוצה הועמסה על משאית והובלה להמתה ביריה ליער רדלוביצה. תוך כדי נסיעה החלה הניה להיאבק עם שומרי הגסטאפו, קמה מהומה ואחת הצעירות בשם פרידה וולף הצליחה לקפוץ מן המשאית ומילטה את נפשה מהטבח. היום היא נמצאת בארץ ועובדת כמורה. אולם את הניה ושאר חברי הקבוצה הוציאו להורג ביריה ביער רדלוביצה, קילומטרים אחדים מהעיר סמבור.

על מאורע זה סופר לאחיה יהושע, כעבור פחות משנה ע״י הצייר האוקראיני מאלאני שהיה ביחד עם הניה מצייר תמונות עבור המשטרה ושעליו הוטל לאסוף את תמונותיה המרובות ולהכינן למשלוח לפני פינוי סמבור ע״י הגרמנים, באוגוסט שנת 1944. כמו כן נמסר לאחיה ע״י הכמרים המקומיים, שאביו הרמן נגר היה תופר בשבילם את החליפות והגלימות ושהניה היתה אורחת קבועה בפרובוסטבו, שם היתה מציירת פורטרטים עבור אנשי הכמורה. אגב, אותם כמרים מסרו לאחיה מעיל פרוה שהניה השאירה אצלם לשמירה, חליפת חתונה שתפר האב בשביל הבן, כשיישאר בחיים וזוג פמוטי שבת שהשאירה אמה של הניה. בת 33 היתה הניה בהירצחה ע״י הרוצחים.



בנימין בוהרר

דער אומקום פון דער באהרער משפחה

מיר זיינען געווען צוזאמען פינף קינדער: דריי טעכטער און צוויי זין. די עלטסטע טאכטער מלכה מיט איר מאן מאיר וואס האבן געוווינט אין דראהאביטש און אין יאר 1942 זיינען זיי דערשאסן געווארן בעת אן אקציע אין דראהאביטשער געטא צוזאמען מיט זייערע צוויי טעכטער בראניע און רעגינא.

די צווייטע טאכטער קיילע מיט איר מאן יעקב קאלטער, זייערע צוויי זין שלמה און שמואל זיינען דערשאסן געווארן אין יאר 1943 (ג׳ ניסן תש״ג) אין קאמארנע.

די דריטע טאכטער סאשי מיט איר מאן משה אונגערפעלד, מיט זייערע צוויי זין מיין פאטער, און מיין פרוי חיה און איר ברודער שלמה, די קינדער פון פסח גאטליב, האבן געארבעט אין פאלווארק, נאכדעם ווי מען האט זיי אנטדעקט אין זייער באהעלטעניש צוליב א מסירה פון די אוקראינער, אבער און יאר 1943 (ג׳ ניסן תש״ג) האט מען זיי צוזאמען מיט הונדערטער אנדערע יידן פון רידיק און אומגעבונג אוועקגעשיקט אין די גאז-קאמערן אין בעלזשעץ.

מיין מאמע פערל איז דורך די דייטשן דערשאסן געווארן בעת אן אקציע און יאר 1942 (כ״ו חשון תש״ב).



מ. מוסינגר


גיזה אנזלהיים לבית ציהר הי״ד

היה זה דרך מקרה שנזכרתי בדמות הנעלה הזו, דמותה של העלמה ציהר. באחת השיחות עם מוטיו אנזלהיים ז״ל השתדלתי לרענן את זכרונו על מנת לדלות ממנו אי-אלה פרטים הנוגעים לשהותו במחנה ההשמדה ינובסקה בלבוב. בין היתר סיפר לי על אשתו ומשפחתה שניספו בשואה, ואז התברר לי שהיכרתי אותה ואת אמה ואחיה. היה זה לפני 49 שנים בדיוק. ביחד עם זליג ארליך ז״ל המשכנו את לימודינו בלבוב והתגוררנו בחדר משותף ברחוב גרודצקה 69.

משכירת החדר היתה אלמנה בשם ציהר, בעלת חנות סידקית באותו רחוב. היא גרה עם בתה, כבת שמונה־עשרה, בדירה בת שלושה חדרים מרווחים, בקומה ב׳ עם חלונות לחזית. היתה זאת אחת הדירות הנאות באותה שכונה ובאותה תקופה. שתיהן, הבת והאם, גבוהות קומה ובעלות הופעה אצילית. היה עוד בן במשפחה שלמד רפואה בפרוסיה ושמו דוד, אותו הכרנו בזמן שהותו בבית לרגל חופשתו. בן זה נשאר בחיים והוא פרופסור באחת האוניברסיטאות בפולין.

לעולם לא אשכח את היחס הטוב אלינו מצד האם והבת. האוירה בבית היתה שקטה ומלאת הוד והדר. מעולם לא הוטרדנו על ידן וגם לא עוררנו את רוגזן, למרות שהיינו מצלצלים בדלת וחוזרים כמה פעמים ביום, פעם מבית-הספר, פעם מארוחותינו ופעם משעורי הבית הרבים שמהם התפרנסנו.

לא אהיה שלם עם עצמי אם לא אעלה את זכרה של בת ישראל צנועה ואצילה זו, שנועדה לאחר שנים להיות רעייתו הנערצת של בן עירנו. כבוד לזכרה ולדמותה הנעלה.



מ. הון

בשובי לביתי ברודקי החרבה

עירנו היתה עיר ואם — ויחד עם זאת — משפחה אחת על כל מעלותיה ומגרעותיה.

התגוררו בה בכפיפה אחת נוצרים ויהודים, אנשי אצולה ואינטליגנציה, בני המעמד הבינוני, פקידים, איכרים, פועלים, בעלי־מלאכה ובני משכנות־עוני.

היינו כולנו חברים בנפש, ועל אף הסכסוכים למיניהם, איזו ילדות יפה היתה לנו — אותה ילדות נפלאה הקושרת אדם לרעהו בקשר בל־יינתק.

היה בעירנו יער וגן ציבורי, בהם נהגנו לטייל, נחלים ואגם בהם התרחצנו, אולמות ריקודים בהם רקדנו, מועדוני נוער בהם התחנכנו, בתי־כנסת לתפילה ובתי־ספר ללימודים. כל אלה — רכושנו היה.

ועל הכל ומעל הכל — **הורים מסורים אשר אהבנו וכיבדנו.**

כל זכרונותי, רחשי הילדות והבגרות, ואף האהבה הראשונה קשורים בעירנו.

ולפתע נותקה השרשרת.

הגורל המר פיזר את כולנו באכזריות, ואנו שארית הפליטה חיכינו בבונקרים וביערות, בשבי ובמלחמות, עד תום השריפה, לרגע המיוחל בו נשוב לביתנו... הביתה.

לא נותרה לנו ברירה אחרת אלא לצפות בלי תלונה בלב ולהאמין במחר טוב יותר העתיד לבוא.

יומיים אחרי כיבוש לבוב ע״י הצבא האדום הגעתי עם חנה אחותי העירה. השעה היתה 5.00 לפנות בוקר. למרות שהעיר לבוב היתה בטווח הפצצות בלתי פוסקות, החלטנו, משקיבלנו את האישורים הדרושים, להגיע בו ביום לרודקי.

הקרבות עדיין התנהלו בסטרי־סמבור והתחבורה היתה צבאית בלבד. נסענו בשיירה איטית כיום שלם. רק בשעה 8.00 בערב הגענו לרודקי.

הקומנדקר נעצר ליד ביתו של גורסקי. ירדנו — והנה אנו ״בבית״.

כמה ימים, לילות ושנים חלמנו לזכות לרגע הזה, והנה לפנינו העיר האהובה, עיר ילדותנו היפה, מקור זכרונותינו היקרים שביקרים.

